**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/16/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער קעטי האקול רופט אויס אויסצייכענונג פון דריטע קאנטרוקשן קאנטראקט פאר פארבעסערנדע I-81 וויאדאקט פראיעקט אין סיטי פון סירעקויס

***פארנעם פון דריטע קאנטראקט גיבט געיטוועג פאר סיטי'ס צפון זייט דורך נייע און פארבעסערטע טוישונגען איבער שפעטעררדיגע ביזנעס לופ 81***

***איבערמאכונג פון סיטי גאסן און נייע בריקן וועט פארמערן זיכערהייט און מאביליטי פאר דרייווער, פוסגייער און ביציקליסטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אויסגערופן די אויסצייכענונג פון די דריטע קאסטורקשן קאטראקט פאר די טראנספארמאטיווע אינטערסטעיט 81 ווייעדאקט פראיעקט אין די סיטי פון סירעקיוז. די פראיעקט, די גרעסטע אין ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע היסטאריע, וועט נעמען די פלאץ פון אן אויפגעהויבענע הייוועי אין דאונטאון סירעקאוז מיט א קאמיוניטי גריד וואס וועט נאכאמאל פארבינדן געגנטער, פארבעסערן מאביליטי און געבן נייע געלעגנהייטן פאר וואוקס דורכאויס צענטראלע ניו יארק. די אויסצייכענונג פון די $218.9 מיליאן קאנטראקט צו סאלט סיטי קאנסטרוקטערס, LLC הייבט אן די איבערבויאונג פון סיטי גאסן אין די אינגער הארבער און אויף די צפון זייט און בויט אויף די קאנסטרוקשן וואס איז שוין אויפ'ן וועג ביי די צפון און דרום אינטערטוישונגען פון די אינטערסטעיטס 81 און 481.

"מיט די דריטע קאנטראקט יעצט געגעבן, רוקט זיך ניו יארק שנעל פאראויס מיט די פאלק-פירנדע פראיעקט אראפצורייסן ווייעדאקט." **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די ארבעט אין די אינגער הארבער און אויף די צפון זייט פון סירעקאוז וועט רוקן די סיטי איין שטאפל נענטער נאכאמאל צו פארבינדן געגנטער וואס זענען שלעכט געווארן אפגעטיילט דורות פריער."

די דריטע פון אכט עקסטערע קאנסטרוקשן קאנטראקטן ערווארטעט צו ווערן ארויסגעגעבן אלס חלק פון די I-81 ווייעדעקט פראיעקט ארבעט ספעציעל אויף צו פארשטערקערן מערערע אויף-רעמפס דורך I-81 סאוטבאונד צו איין נייע אויף-רעמפ וואס איז מקשר מיט צוקומפטיגע ביזנעס לופ 81 (BL סאוטבאונד. ארבעט נעמט אריין נייע און פארבעסערטע סאודבאונד אונטערטוישונגען ביי צפון קלינטען און בער סטריטס, דורך צוקומפטיגע BL 81, מאכנדיג א דורכגאנג צו די סיטי'ס צפון זיין און וועט לאזן זיכערערע צוטריט צו ביזנעסעס און וואוינונגען. אין צוגאב, וועט צפון קלינטאן סטריט ווערן איבערגעבויט פון בער סטריט צו גאנענט דרייוו, און וועט אריינגעמען נייע פעיוומענט, סיידוואקס אויף ביידע זייטן און קערבסייד פארקינג. די נייע ביימער אויסגע'שורה'טע צפון קלינטאן סטריט וועט געבן געטיילטע באנוץ וועגן פון קאורט סטריט דרום צו די אינטערסעקשן פון גאנענט דרייוו.

קאנטראקט דריי וועט אויך פארבעסערן פארזיכערונג און מאביליטי פאר מאטאריסטס, פיסגייער, און ביציקליסטס, מיט די איבערפלאנצונג פון דריי בריקן וואס פארבינדן די צפון זייט צו די אינגער הארבער.

די בער, קארט, און ספענסער סטריט בריקן וועט ווערן איבערגענומען דורך ברייטערע סטרוקטורן וואס וועלן אריינגעמען סיידוואקס, און וועט זיין גוט אויף די אויסגעצויגענע צוקומפטיגע BL 81. א געטיילטע באנוץ וועג וועט אויך ווערן אריינגענומען אין די קאורט און ספענסער סטריט בריקן.

נאך טיילן פון די פראיעקט רעכענען אריין:

- אריינבויאונג פון קערב זעץ-ארויסן צו פארקערצערן פוסגייער אריבערגאנג ווייטקייט.
- נאנט צו 800 נייע ביימער, באצירנדע גאסן לעמפ און נייע טרעפיק סיגנאלן.
- פיסגייער פארבעסערונגען דורכאויס אסאך פון בער סטריט פארבינדנדיג די צפון זייט צו די עמפייער סטעיט טרעיל.
- פארבעסערונגען צו די אינטערטוישונג פון I-690 מזרחבאונד מיט בער סטריט, גיבט א שנעלערע און זיכערערע פארבינדונג.

אין די זוממער פון 2023, האט גאווערנער האקול, צוזאמען מיט פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע פירער געבראכן ערד אויף די I-81 ווייעדאקט פראיעקט. געוואלדיגע קאנסטרוקשן פון קאנטראקטן איין און צווי זענען אויפ'ן וועג און זענען קריטיש אויף צו אנהאלטן א הויכע-שנעלקייט אינטערסטעיט פארבינדונג מיט נאציאנאלע און אינטערנאציאנאלע צפון-דרום האנדל רוטס פון טענעסי צו די קאנאדישע גרעניץ. צוזאמען, וועלן זיי ספעציעל ארבעטן אויף איבערבויען די יעצטיגע I-81/I-481 צפון און דרום אינטערטוישונגען אריין צו BL 81 און I-81.

די I-81 ווייעדוקט פריעקט איז טייל פון גאווערנער האקול'ס אומפרעצעדענטע איבערגעבנקייט צו מאדערניזירן ניו יארק סטעיט'ס אינפראסטרוקטור און אינוועסטירן אין פראיעקטן וועלכע ברענגען יושר, פארבינדונג, און מערערע-מאדעלן טראנספארטאציע געלעגנהייטן פאר קאמיוניטיס לענגאויס די סטעיט. די $33 ביליאן סטעיט קאפיטאל פלאן אדאפטירט אין 2022 העלפט נאכקומען דעם גאווערנער'ס וויזיע פאר א מאדערנע טראנספארטאציע סיסטעם וועלכע באדינט ניו יארקערס איבער'ן סטעיט. דער פראיעקט וועט פינאנצירט ווערן מיט א געמיש פון פעדעראלע און סטעיט הילפס-מיטלען.

די אומגעפער $2.25 ביליאן פראיעקט צילט צו איבערקערן די נעגאטיווע באשלוס געמאכט אין די 1950'גער יארן צו בויען די ווייעדאקט דורך די הארץ פון די סיטי און, דורכאויס די קאנסטרוקשן פון די קאמיוניטי גריד, וועט געבן מער געלעגנהייטן פאר אריינגעמען און ישרות. דער קאמיוניטי גריד וועט לינדערן עקזיסטירנדע טראפיק גדראנג פראבלעמען אין דער שטאט און פארבעסערן צוטריטליכקייט צו און פון דעם אינטערסטעיט הייוועי נעטוואָרק און הויפט דעסטינאציעס, אריינגערעכנט די דאונטאון ביזנעס דיסטריקטן, ארטיגע שפיטעלער און סירעקיוס אוניווערסיטעט. עס וועט אויך צושטעלן זיכערע און ADA-צוגענגליכער פיסגייער און ביציקל באקוועמליכקייטן לענגאויס דעם פראיעקט שטח.

שטארקע קאמיוניטי באמיאונגען און מיטארבעטונג מיט די פעדעראלע הייוועי אדמינאסטראציע און די סיטי פון סירעקוז האט געפירט צו איינע פון די ערשטע-לאקאל איינשטעלן פראוויזיעס אינעם פאלק מאשר געווען אונטער די בייפארטיזאן אינפרעסטוקטור געזעץ. עס גיבט דעם מאטיוואציע צו איינשטעלן לאקאלע איינוואוינער פון זיפ קאודס אין אומגינסטיגע קאמיוניטיס אויף א געהעריגע געהאלט. די ציל איז אז פאר יעדע קאנטראקט זאל מען האבן 15 פערצענט פון די ארבעטער רעפריזענטירן לאקאל איינגעשטעלטע ארבעטער. היינט, איז קאנטראקט איין ביי 13.57 פערצענט פון די 15 פערצענט ציל און קאנטראקט צוויי איז ביי 19.19 פערצענט, פאר א צוזאמענגערעכנטע סומע פון 16.38 פערצענט. קאנטראקט דריי וועט בויען אויף די סוקסעס דורכ'ן אויפקומען מיט אומפרעצידענטירטע געלעגנהייטן פאר איינוואוינער צו ארבעטן אויף די פראיעקט מיט ווייניג ביז גארנישט ערפארונג און אהיימברענגען באדייטנדע געהאלטן.

אין צוזאמענארבעט מיט קאמיוניטי פארן, ארבעט די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע צוזאמען מיט איינשטעלונג גרופעס, אריינגעמענדיג Pathways to Apprenticeship, WorkSmartNY Syracuse Build, CNY Works, און ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לייבור'ס ארבעטסקראפט פארוועט: סירעקיוז, צו אויפנעמען און טרעינירן אלע וועלכע זענען אינטערעסירט צו ארבעטן אויף די פראיעקט.

**סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע קאמיסינער מערי טערעס דאמינגאז זאגט,** "די I-81 ווייעדעקט פראיעקט וועט עכט טוישן די שפיל פאר די צענטראלע ניו יארק, ווידערפאראייניגנדיג קאמיוניטיס וואס זענען שוין לאנג צוטיילט און איבערארבעטן א גאנצע ראיאן. די אויסצייכענונג פון קאנטראקט דריי איז א דירעקטע אפשפיגלונג פון אונזער געטריישאפט צו פארענדיגן די פראיעקט, און מיר וועלן נישט אויפהערן ביז די ווייעדעקט צוטיילנדע קאמיוניטיס קומען אראפ און א טראנספארטאציע נעטווארק וואס פארבינדט געגענטער איז איבערגעמאכט!"

**סענעט מערסטנס פירער טשארלס שוממער האט געזאגט,** "מיט די דריטע קאנסטרוקשן קאנטראקט יעצט געגעבן פאר די טראנספארמאציע פון I-81 זענען מיר איין שטאפל נענטער צו די לאנג-געהאלטענע וויזיע צו פארבינדן און געבן כח פאר סיראקוז צו ווערן א רעאליטעט. באלד וועלן שאוולען אנקלאפן אויף דער ערד ענדליך איבערצוארבעטן אונזערע סיטי גאסן און בריקן און די אינער הארבער און אויף די צפון זייט, אריינגעמענדיג נייע ביציקלען וועגן און ברייטערע סיידוואקס, בעסער צו פארבינדן סירעקוז צו נייע געלעגנהייטן און א לעכטיגערע צוקומפט. ווען איך האב געפירט די בייפארטיזאן אינפעסטרוקטור און ארבעט געזעץ צום אריבערגאנג, האב איך עס געטון מיט פראיעקטן אזויווי סיראקוז'ס I-81 טראנספארמאציע ווי מיין צפון שטערן. יעצט, אזויווי איבערארבעט רוקט זיך ווייטער מיט'ן פולסטן קראפט מכח די יוניען קאנסטרוקשן ארבעטס, איינגעשטעלט פון דא אין די קאמיוניטי, זענען מיר איין שטאפל נענטער צו ארויסברענגען סטאבילע, גרינג צו האבן צוטריט צו טראנספארטאציע עקאסיסטעמס וואס פארבעסערט דאס לעבנס קוואליטעט און עקאנאמישע וויטאליטעט פאר'ן גאנצן סיראקאוז. איך באדאנק גאווערנער האקול און מעיאר וואלש פאר זייער מיטארבעטונג און פירערשאפט אויף די וויכטיגע יגיעות."

**סטעיט סעניטער דשאן מעניען האט געזאגט,** "אלס איינער פון די גרעסטע פראיעקטן אין סטעיט היסטאריע, די איבערארבעטונג פון די I-81 וועט פארוואנדלען צענטראלע ניו יארק און מאכן מער פארבינדענע, לעבעדיגע, און וואוקסנדע געגנטער אין די סיטי פון סיראקוז. די אנגייענדע ארבעט, פלאנירוג, און די אויסצייכענונג פון קאנטראקטן ווייזן אז אלע פאסיטס פון די ווייעדוקט איבערפלאנצונג רוקט זיך פאראויס. איך בין דאנקבאר צו די פירערשאפט פון גאווערנער האקול און פאר די שווערע ארבעט פון אזויפיל איבערגעגעבענע פאבליק ארבעטער אין די דעפארטמענט פון טראנספארטאציע."

**סטעיט סעניטער רחל מאי האט געזאגט,** "די I-81 פראיעקט האט זיך שוין באוויזן איבער סירעקוז'ס צוקומט פאר מער ווי צען יאר. ס'איז פרייליך ענדליך צו זען שאוולען אויף דער ערד און די ריזיגע אינפעסטרוקטור פראיעקט אויפ'ן וועג. בעת די סטעיט באלוינט דעם לעצטן קאנטראקט, מוזן מיר ווייטער אינוועסטירן אין אונזער קאמיוניטי און פארזיכערן אז די וואס זענען אפעקטירט פון I-81 בענעפיטן פון די הויכע קוואליטעט ארבעטס געברענגט דורך קאמיוניטי גריד פראיעקטן. אראפברענגען די הויכע הייוויי איז נישט נאר געמיינט געווארן צו פארבעסערן אינפעסטרוקטור אבער אויך א וועג צו פאראייניגן און רוקן סיראקוז צו א לעכטיגערע צוקומפט. גאווערנער האקול'ס פירערשאפט איז געווען פונדעמענטאל, און א דאנק צו מיינע קאלעגעס וועמען'ס שטיצע איז געווען אומשאצבאר."

**אסעמבלימעמבער וויליאם ב. מאגמערעללי האט געזאגט,** "די I-81 פראיעקט וועט שטארק אפעקטירן די גאנצע צענטראלע ניו יארק ראיאן. דורכ'ן איבערבויען די גאסן פון די אינער הארבער און די צפון זייט,

גרייט די סטעיט צו די קאמיוניטי צו ווערן מער צוגעפאסט צו אדרעסירן די טוישונג אין טראפיק מוסטערן וואס וועט פאסירן צוליב די בויאונג פון די קאמיוניטי גריד."

**אסעמבלימעמבער אל סטיריפי האט געזאגט,** "די ארויסגעבונג פון די דריטע קאנטראקט אין די I-81 טוישונג ווייזט אז מיר מאכן גרויסע שריט פאראויס אין די גרעסטע פראיעקט איין סיראקוז היסטאריע. די מיילשטיין צייכנט אן נאך א טריט נאנט צו פארבעסערן אונזער אינפעסטרוקטור, נאכאמאל פארבינדן קאמיוניטיס, און ארויסברענגען וואוקס דורכאויס די ראיאן. נישט נאר וועט דאס פארבעסערן מאביליטי און זיכערהייט דורכאויס נייע אינטערטוישונגען, אבער עס וועט אויך לאזן פיסגייעס-פרידליכע פארבעסערונגען."

פאר לעצטיגע אינפארמאציע, רופט 511, באזוכט [www.511.org](http://www.511.org), אדער די מאביל זייטל ביי [m511ny.org](http://m511ny.org).

פאלגט נאך די I-81 פראיעקט אויף X פארדעם באקאנט אלס טוויטער: @NYSDOTI81.טרעפט אונז אויף Facebook ביי [facebook.com/NYSDOTI81](http://facebook.com/NYSDOTI81).

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](http://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336



זיך ארויסשרייבן